בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן



## ✪ אונזער גרויסע וואגשאהל




(פאר די גרעסערע קינדער) טייערע טאטע און מאמע שיחיו, שוין א גאנצע וואך הער איך פון מיין רבי דערציילן וועגן דעם הייליגן יו"ט **ראש השנה**. אז עס הייבט זיך אן א נייע יאר און דער הייליגער באשעפער זעצט זיך ארויף א בענקל, און ער וועגט אפ מיט א וואגשאהל אלע זאכן וואס מ'האט געטוהן א גאנצע יאר, מצות און ח"ו עבירות.

**וואס מיינט דאס א וואגשאהל?**

**וואס מיינט דאס מ'וועגט אפ?**

דעם מיטוואך האבן מיר געהאט גאר א אינטרעסאנטער פראגראם וועגן דעם וואגשאהל וואס וועגט די מצות און עבירות...

מיר הערן קודם אביסל וועגן ראש השנה און דעם גרויסן יו"ט. מיר הערן וועגן די ביכעלעך וואס זענען אפן, און מיר הערן אז מ'וועגט אפ אלע מצות און עבירות. קומט ארויף א אינגל **יודא יואל ביקל** נ"י און ער ווייזט פאר יעדן איינעם אז ער האט א קאפל אויפן קאפ. צו האבן א קאפל איז א גרויסע מצוה וואס היט אפ אז דער יצה"ר זאל נישט קענען אריין קריכן אין קאפ, (אלע קינדער געדענקן נאך די מעשה פון רבי נחמן בר יצחק) ער נעמט א קאפעלע און טראגט עס שנעל צו דעם גרויסן וואגשאהל און ער לייגט עס אריין ביי די מצוה'לעך....



דערנאך קומט ארויף א אינגעלע **קלמן אליעזר עקשטיין** נ"י און ער ווייזט פאר אלע קינדער אז ער האט אויך א גרויסע מצוה, ער טראגט ציצית. אלע קינדערלעך נעמען ארויס די ציצית און געבן דאס שיין א קוש. צו האבן ציצית איז אויך א גרויסע מצוה עס היט אפ א אידיש קינד פון טוהן עבירות ח"ו. ער נעמט א ציצית און טראגט עס צום וואגשאהל און ער לייגט עס פרייליכערהייט אריין ביי די מצוה'לעך. אָפּס, די מצוהל`עך ווערן שוין מער און מער און עס "וועגט" שוין מער....

יעצט קומט ארויף נאך א אינגל **שלמה טאגער** נ"י און ער ווייזט פאר יעדן וואסערע מצוה ער גייט טוהן. ער נעמט א גלעזל עפל דשו"ס און ער מאכט א ברכה "שטאט" "הויעך" און "קלאר". אלע קינדערלעך ענטפערן שיין אמן. צו מאכן א ברכה אזוי שיין איז א ריזיגע מצוה. שלמה נעמט די גלעזעלע און לייגט דאס אויך אריין ביי די מצוה'לעך.



נאכדעם איז געקומען **אברהם שאול מאשקאוויטש** נ"י **אשר לעמל גרינפעלד** נ"י **אשר לעמל בערגער** נ"י **הערשי ווייס** נ"י און נאך אסאך אסאך וואוילע אינגעלעך און האבן געזאגט וואסערע מצוה זיי גייען טוהן אינדערהיים, איינער גייט פאלגן אלעס די טאטע און די מאמע. איינער גייט צוזאמפאקן אלע טויס, און איינער גייט אויפעסן אלעס וואס די מאמע קאכט או"וו. זיי האבן אריין געלייגט א **מצוה צעטל** אין די מצוה'לעך באקס פון די וואגשאהל. אויך אונזערע חשובע געסט פון שערי חמלה, וואוילע לעכטיגע קינדערלעך האבן אריין געלייגט מצוה'לעך אין די וואגשאהל... יעצט ווען דער זייט פון די מצות וועגט שוין אזוי שטארק ב"ה, האבן מיר צוזאמען געבעטן א תפלה צום הייליגן באשעפער, דער אייבירשטער זאל העלפן אז אלע אידישע קינדער זאלן פארשריבן ווערן צו א גוטע זיסע געבענטשטע יאר און יעדער זאל זיין געזונט שטארק, מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אנטקעגן משיח צדקינו, אלע קינדערלעך עטנפערן שיין אמן.

## ✪ פאר די נורסערי – פרי נורסערי

אויך די פרי נורסערי און נורסערי קינדער האבן געהאט די גילעגנהייט ווען די חשובע רבי׳ס זייערע האבן געוויזן פאר די קינדער די שיינע גרויסע וואגשאהל. וועלן זיי מיטן באשעפער׳ס הילף אריין נעמען אין קאפ צו מאכן נאך און נאך מצוה׳לעך און מעשים טובים.

## ✪ א ריזיגע שופר

(פאר די גרעסערע קינדער) אויף דעם האבן מיר געווארט. מ׳זאגט אונז אז אונז אז מיר גייען אט אט זעהן א ״ריזיגע שופר״, ענדליך נאכן ארויס נעמען עטליכע שופר׳ס וואס מיר האבן געמיינט אז ״דאס איז די ריכטיגע שופר״ זענען מיר ענדליך געווארן גאר איבערראשט צו זעהן טאקע א ״ריזיגע שופר״ און מיר הערן א תקועה שברים תרועה מיט א תקועה גדולה. **אהרן מנחם גרשון סימאן** נ״י בלאזט אויך מיט די ריזיגע שופר...

## ✪ וויכטיגע דערמאנונג

**צו די אלע חשובע עלטערן שיחיו וואס האבן ערהאלטן א צעטל וועגן די צוויי דוללער פאר די סוכות ארט״ס און קרעפט״ס, אויב האט איר שוין געשיקט די געלט, דאן א שיינעם דאנק, און אויב נישט ביטע שיקן אויב מעגליך די צוויי דוללער, דאס וועט אונז שטארק צוהעלפן.**

## ✪ דער פארעם ווערט פארשלאסן

מיט גרויס שווערינקייטן האבן זיך די קינדער די וואך געזעגענט פון אונזערע זיסע שעפעלעך און ציגעלעך, וואס זענען די וואך אוועק געפארן פון אונזער פארעם. די קינדער וואס האבן דאס מיטגעהאלטן האבן פשוט געהאט טרערן אין די אויגן... און צוביסלעך וועלן אלע חיות אוועק גיין פון אונז, און דער פארעם ווערט ווערן פארשלאסן אויפן ווינטער ביז די קומענדיגע יאר זוממער אי״ה. עס איז געווען א פארגעניגן צו זעהן וויאזוי די קינדער האבן באמת גאר שטארק הנאה געהאט פון די נפלאות הבורא און הערליך געשמאק פארברענגט אין דעם פארעם דורכאויס דעם זוממער...

## ✪ מיר האבן פראבירט

חשובע עלטערן, מיר האבן פראבירט צו נעמען וואס מער קינדער אויף די מיטוואך׳דיגע פראגראם א יעדע וואך, אבער אזוי ווי נישט אלע קינדער האבן געהאט די גילעגנהייט דערצו, און גאר אסאך קינדער האבן נישט געוואלט אנטייל נעמען (מיר האבן נישט געוואלט קיינעם צווינגן חלילה). וועלן זיי נאך האבן אי״ה א גילעגנהייט קומענדיגע יאר אין כתה א׳ ווי דער חשובער כתה א׳ מנהל שליט״א פירט אויך אן מיט הערליכע פראגראמען פאר די טייערע קינדערלעך.

## ✪ צום געזעגענען

גאר א הערליכע ווערטפולע מתנה ווערט צוגעגרייט פאר אלע טייערע קינדערלעך וואס גייען אי״ה ארויף גיין אין כתה א׳ נאך סוכות. עס האט צו טוהן מיט אסאך שיינע מעשיות וואס מיר האבן געלערנט דעם יאר. פרטים יבואו.

## ✪ מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט

א הערצליכן מזל טוב פאר המלמד החשוב

**מו״ה מתתי׳ איראגס שליט״א**

**צום דעם אפשערן פון זיין זוהן נ״י**

דער באשעפער זאל העלפן אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת געזונטערהייט עמו״ש

***א כתובה וחתומה טובה***

***א גוטע זיסע געבענטשט יאר***

***וואונטשט הנהלת הקינדערגארטן***

***פאר אלע חשובע עלטערן שיחיו און גאנץ כלל ישראל***

# זיסע חכמה'לעך

✪

לוי יצחק (א פרי נורסערי אינגל) האט געהערט א טעיפ פון ימים נוראים, אינמיטן האט ער געהערט א שופר בלאזן. ארומקוקנדיג פרעגט ער, "וואו איז מיין רבי"? (מיינענדיג אז זיין רבי בלאזט יעצט שופר)...

✪

משה'לע מויזקאפף פרעגט "אויב משיח וועט קומען גייט מען נישט האבן מער א קאפל? פרעג איך אים פארוואס? זאגט ער "מיין רבי זאגט ווען מ'טוט אויס די קאפל פליט די יצר הרע אריין אין די קאפ. ווען משיח גייט קומען גייט דאך מער נישט זיין קיין יצר הרע, דארף מען נישט קיין קאפל".....

✪

פרייטאג ווען יצחק איז אהיים געקומען פון חדר, און ס'האט געשיינט די זון, זאגט ער: ס'האט זיך שוין אויסגעלאשן די קאלט"... א מינוט דערויף ווען ס'האט געבלאזן א ווינט, זאגט ער "ס'האט זיך צוריק אנגעצונדן, דיביימער שאקלן זיך"....

✪

משה אלי' ראזענבערג האט געזעהן ניסים דאנא'ס מאמע האט אים נישט אראפ גענומען פון די באס, האט ער געפרעגט "וואו איז זיין מאמע? האט משה אלי'ס מאמע אים געזאגט ניסים'ס מאמע איז א טיטשע"ר, האט ער געפרעגט "ווען גייט זי צוריק זיין א מאמע?"....

✪

ס'דערקענט זיך אז מ'איז שוין פארנומען מיט סוכות אין חדר.... יצחק זאגט: אויב מ'טוט א מצוה באקומט מען אסאך סכך (שכר) אויף סוכות"...

✪

חיים בידערמאן האט געגעסן זופ און ס'איז געווען זייער הייס האט ער געזאגט אז די רויעך נוצט זיך שוין באלד אויס....

✪

בנציון כ"ץ פראבירט אן זיין נייע הייליגע ציצית, רופט ער זיך אן צו זיין שוועסטער "קוק מיך אן, איך מעג רעדן צו דיר שטרענג, זעהסט איך האב שוין אפילו ציצית דארפסט מיך פאלגן"...

✪

שמחה קליין'ס רבי זאגט אז ראש השנה גייט שוין קומען, פרעגט ער, "פון וואו? פון דערווייטענס?".....